ב"ה

אין ליכט
פון תורה
ספר

# דער תנא רבי
# שמעון בן יוחאי

אדער

# דער גן עדן התחתון

אידיש

**466**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

# דער תנא

# רבי שמעון בן יוחאי

אדער

## דער גן־עדן התחתון

אויף דיא שיינע מערקווירדיגע וואונדערליכע מעשה,
טאר מען ניט פרעגען קיין קשיא, וייל זיא איז
גענומען געוואכען פון היילינגע ספרים און בעארבייטעט

פון יהושע מזח

ווילנא
הוצאת בית־מסחר ספרים
של ר' אברהם כהנא
ווארשא נאלעווקי 39

WYDANIE
Księgarni A. KAHAN
Warszawa, Nalewki 39.

Printed in Poland.

Odbito w drukarni
J. Wagmaistra w Warszawie.

## א.

דער תנא רבי שמעון בן יוחאי איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע הייליגע זעלטענע וואונדערליכע תנאים, ער האט געהאט א גרויסן נאמען אויף דער גאנצער וועלט. ער האט פער־פאסט דעם הייליגן ספר „הזוהר" אמאל איז ער געזעסן מיט זיינע חברים און זיי האבן געלערנט, פלוצלונג האבן זיי געזעהן א פייערדיגען זייל גרייכט פון איהם ביז דעם הימעל, האבן זיי געוואוסט דאס די שכינה רוהט אויף איהם.

אמאל איז ער געזעסן מיט זיינע תלמידים, ער האט מיט זיי געלערנט. פלוצלונג האבן זיי אלע געהערט איין בת-קול (א שטימע פון אויבען רופט): „שמעון שמעון"! די תלמידים האבען זיך ערשראקען זיי האט פארדראסען פאר וואס דער בת קול האט גערופען „שמעון" און ניט „רבי שמעון", האט רבי שמעון צו זיי געזאגט: זאל אייך ניט פארדריסען די זאך, ווייל דאס איז א צייכען דאס גאט אליין רופט מיך, פון גרויס פרייד האט זיין געזיכט געברענט ווי א פלאם פייער, אויך זיינע תלמידים זיינען געווען לוסטיג פריילעך פאר וואס זיי האבען זוכה געווען צו הערען דעם בת קול.

## ב.

פיל מאל פלעגט משה רבינו קומען צו איהם הערען זיינע סודות וואס ער האט ענטדעקט אין תורה, אמאל האט זיך רבי

שמעון שטארק פאר טראכט דיא תלמידים האבען געמיינט דאס ער שלאפט, האבען זייא איינער צו דעם אנדערען געזאגט: אונזער רבי רעדט מיט משה רבינו אונ אליהו הנביא אויך מיט פיל מלאכים, לאמיר איהם בעטען דאס ער זאל אונז אויך ווייזען דיא מלאכים, מיר ווילען זייא זעהען, פלוצלונג האט רבי שמעון אנגעשרייא געגעבען „ברוך הבא אליהו הנביא"! „ברוך הבא דוא גרויסער מלאך שר הפנים"! איך פרייא מיך זייער אייך צו זעהען, איהר ווילט הערען מיינע סודות אין דער תורה? גוט, איך וועל אייך באלד זאגען. אונ רבי שמעון האט אנגעפאנגען זאגען אזעלכע טיפע סודות וואס אזעלכע איז ביז יענער צייט נים געהערט געווארען. אויף דיא תלמידים איז געפאלען אשרעק זייא האבען אבער נים געוואוסט אז דאס איז צו ליב דיא היילינע געסט וואס זיינען געקומען צו רבי שמעון הערען זיינע סודות.

## ג.

רבי שמעון איז אמאל געזעסען מיט זיינע חברים רבי יהודה, רבי יוסי אונ יהודה בן-גרים איז אויך געזעסען מיט זייא, האט רבי יהודה געזאגט: דיא רוימישע רעגירונג האט איין געארדענט זייער נוטצליכע זאכען, זיא האט געמאכט גאסען, בריקען אויף טייכען, זיא האט געמאכט נוטצע בעדער, רבי יוסי האט קיין ווארט אויף דעם געענטפערט, ער איז געזעסען אונ געשוויגען, אבער רבי שמעון האט דארויף געענטפערט: אלעס וואס דיא רעגירונג טוהט מאכט זיא דאס נור צו ליב איהרע נוטצען, זיא

האט געמאכט גאסען דארטען זאלען וואהנען און ארעמליכע מענשען... זיא האט געמאכט בריקען, כדי זיא זאל קענען נעהמען מכס (אבצאהלונג) זיא האט געמאכט בעדער, צוא איהרע פערגעניגען.

דאס איז א כלל: מען דארף אויף קיין מענשען ריידען שלעכטעס, מען טאר קיין זאך ניט אורטהיילען פון דיא שלעכטע זייטע, איבער הויפט ריידען שלעכטעס אויף א רעגירונג איז געוויס פארבאטען, און טאקע אונרעכט, ווייל דיא רעגירונג טהוט נור לטובת הכלל, זיא איז געטריי אלע איינוואהנער אין איהר לאנד.

יהודה בן גרים איז געגאנגען און האט דערציילט ווייטער רייד פאר אנדערע מענשען, און דורך דעם האט דיא רעגירונג געהערט וואס זייא האבען גערעדט! האט דיא רעגירונג אזויא געזאגט: רבי יהודה וואס ער האט געריהמט דיא רוימישע רעגירונג זאל גרויס ווערען, אין יעדער געזעלשאפט זאל ער זיין דער ערשטער צום ריידען, רבי יוסי וואס האט געשוויגען זאל פארטריבען ווערען אין דער שטאדט צפורי און רבי שמעון וואס ער האט געטאדעלט דיא רוימישע רעגירונג זאל געטייט ווערען.

רבי שמעון האט געהערט דעם אורטהייל האט ער זיך מיט זיין זאהן רבי אלעזר בעהאלטען אין בית המדרש און זיין פרויא פלעגט יעדען טאג בריינגען צו זייא ברויט מיט וואסער, אז דיא רעגירונג האט איהם אנגעפאנגען שטארק צו זוכען, האט רבי שמעון געזאגט צו זיין זאהן: מיר מוזען אונז בעהאלטען אין אזא ארט וואס קיין מענש זאל ניט וויסען וואו מיר זיינען אפילו דיא מוטטער אויך ניט.

זייא האבען זיך בעהאלטען אין א הייל, האט גאט געטאן א נס אין הייל איז אויס געוואקסען א פרוכט בוים זייא זאלען

האבען וואס צום עסען און עס האט זיך געעזענט אקוואל וואסער זיא זאלען האבען צו טרינקען זיא האבען אבגעצויגען זייערע קליידער פון זיך כדי זיא זאלען ניט צוריסען ווערען, און זיא זיינען געזעסען אין זאמד ביזן האלדז, אגאנצען טאג האבען זיא געלערנט, נור צום דאווענען האבען זיא אנגעצויגען זייערע קליידער.

צוועלף יאהר זיינען זיא געזעסען אין דעם הייל. נאכדעם איז געקומען צו זיא אליהו הנביא און האט זיא געזאגט דאס דער קיסער איז געשטארבען און זיין גזירה איז בטל געווארען. זיינען זיא פון הייל ארויס געגאנגען און זיא האבען געזעהען וויא מענשען אקערען דיא פעלדער און זייען, האט רבי שמעון געזאגט: דיא מענשען זארגען ניט פאר זייער עוויגען לעבען אויף יענער וועלט, זיא הארעוועט פאר זייער קורצען לעבען אויף דער וועלט.

אויף אלע זאכען וואס רבי שמעון מיט זיין זאהן רבי אלעזר האבען אקוק געטאהן, זיינען זיא באלד פאר ברענט געווארען, זיא האבען געהערט אשטימע פון הימעל וואס האט געזאגט, איהר זייט ארויס געגאנגען פון הייל חרוב צו מאכען מיין וועלט? גייט צוריק אין הייל! — זיא זיינען צוריק געגאנגען אין הייל און זיא האבען דארטען גילערענט צוועלף מאנאטען. נאכדעם האבען זיא גיהערט אשטימע פון הימעל וואס זאגט: גייט ארויס פון הייל. זיינען זיא ארויס געגאנגען, הגם זיא האט זיך שטארק ניט געוואלט ארויס גיין פון הייל, ווייל זיא זיינען גיוועזן צוא פרידען מיט זייער געווארגטען ארט, דאס הויפט וואס זיא האבען גיקאנט לערנען תורה בטהרה, נור אשטימע פון הימעל מוז מען פאלגען דארום האבען זיא געגעזעגענט זייער ווילען פאר לאזען דיא הייל.

ווען רבי אלעזר האט געשלאגען האט איהם רבי שמעון בן יוחאי געהיילט.

(ר״ש בן יוחאי)

רבי שמעון האט געזאגט צו זיין זאהן: פאר דיא וועלט איז גענוג איך און דוא זאלען לערנען תורה וועט גאט צו ליב אונזער זכות שפייזען דיא גאנצע וועלט.

בי פנחס בן יאיר זיין איידעם האט גיהערט דאס זיין שווער רבי שמעון איז ארויס געגאנגען פון הייל. איז ער באלד געגאנגען צו איהם, און האט איהם געפיהרט אין באד, און ער האט איהם געוואשען זיין קערפער.

רבי פנחס האט שטארק געוויינט און ער האט אזוי געזאגט: וויא איז צו מיר אז איך זעה אזא מאגערע קערפער. נימא אברעקל פלייש

— פאר קעהרט — האט רבי שמעון געענטפערט — דוא דארפסט זיין צו פרידען פאר וואס דוא זעהעסט מיך אזוי, ווען דוא וואלסט מיך גיזעהען אזוי, וואלסט דוא מיר געפונען גאנץ אנדערש.

פון יענער צייט אן איז רבי שמעון בן יוחאי בעוואוסט געווארען אויף דער וועלט, ער האט צו זאמען גערופען גרויסע מענשען און פיל מלאכים און האט פאר זייא ענדעקט סודות התורה דיא סודות זיינען גיוועזען אזויא טיפזיניג, אזויא שטארק הייליג אז דאס האבען מאקע געמעגט הערען אליהו הנביא און דיא איבעריגע הייליגע מלאכים און מענשען וועלכע רבי שמעון בן יוחאי האט זייא גערופען, זייא אלע האבען געזאגט דאס אזעלכע סודות התורה האבען זייא נים גיהערט פון דער צייט וואס גאט האט גיגעבען דיא הייליגע תורה דורך משה רבינו.

(ר"ש בן יוחאי)

וייט זייער ווייט אוועק פון זייא, מעהר האבען זייא איהם ניט געזעהען.

— מיר באשטעהען דיר רבי שמעון — האבען זייגע חברים צו איהם געזאגט — דוא זאלסט אונז זאגען ווער דער געטליכער מאן איז געווען, וויא איז זיין נאמען.

— דאס איז אליהו הנביא — האט רבי שמעון געזאגט — איהר מעגט אלע זיין פריילעך דאס איהר האט זוכה געוועזען צוא זעהען אליהו הנביא אונ ריידען מיט איהם

—∽⊰⊱∽—

## ה.

— יעמצט איז אגוטע צייט — האט רבי שמעון געזאגט — איך האב דיא ערלויבעניש צו ענטדעקען סודות פון דער תורה, מלכא לאמיר דאס ניט אבלייגען אויף איין אנדערש מאל, לאמיר פלייסיג לערנען גאטעס תורה, וועט אונז פיליכט געלונגען צוא ענטדעקען נאך גרויסע געהיימנים, וואס ביז יעטצט האט איהר דאס ניט געהערט אונ איך צווייפעל אויב איהר קאנט דאס וויען עם זיין העהרען, ווייל צו אזעלכע טיפע סודות מוז מען האבען איין ערלויבעניש פון גאט זייא צו ענטדעקען פאר אלעמען, אט האט איהר אבעוויז אז אליהו הנביא, גאטעס שליח, קומט הערען אונזערע סודות, אונ רבי שמעון האט ווייטער געזאגט סודות וואס דיא מלאכים אין הימעל האבען זיך צו געהערט אונ זייא האבען זיך שטארק געוואונדערט זייא האבען איינער צוא דעם אנדערען געזאגט: לאמיר זיך גוט צוהערען דיא ווסע

ליד וואס גייען ארויס פון די הייליגע מויל פון בן־יוחאי.

דארטען האט איינער אויך מגלה געווען פיל סודות, פון זיין מויל האט יעדער ווארט, וואס ער האט ארויס גערעדט, געגעבען ווי א בליץ א שיין, און נאכדעם איז ער אוועק געפלויגען, האט רבי שמעון געזאגט צו זיינע חברים: איהר זאלט וויסען אז דאס איז דער מלאך שר הפנים, ער איז געקומען צו אונז ווייל איך האב איהם גערופען, די חברים וואס האבען דאס געהערט זיינען געווען זייער פריילאך. זיי האבען געדאנקט גאט פאר דאס גרויסע פערגעניגען און זייער סך האבען זיי געדאנקט וואס ער האט זיי מזכה געווען צו הערען אזעלכע הייליגע געהיימניסע.

ו.

רבי שמעון בן יוחאי האט אמאל פאר זיינע חברים און זיינע תלמידים ענטדעקט די געהיימניסע פון יענע פיל גרויסע און טייערע וועלטען, ער האט צו זיי געזאגט: הערט אויס מיינע ליבע חברים און טייערע תלמידים, וואס איך וועל אייך ערציילען א גרויסען וואונדערליכען ספור וואס דא ניט לאנג האט געטראפען.

— מיר הערען — האבען זיי אלע געזאגט — ערציילט אייער וואונדערליכען ספור.

רבי שמעון האט אנגעפאנגען צו ערציילען:

איינער פון די גאנץ גרויסע פארשטעלטע מענשען איז אמאל געגאנגען אויף דעם וועג, יענער טאג איז געווען פרייטאג, ער איז געקומען אין א געדיכטען וואלד ער האט געהערט א געשריי פון א לייב, ער האט זיך אביסעל דער שראקען, אבער באלד


האט

האט ער זיך בארוהיגט אונ האט געזאגט צו גאט: איך בעט דיר גרויסער שטארקער גאט, דוא זאלסט מיר פארצייען (מוחל זיין) פאר מיין שרעקען זיך, איך האב בעדארפט האבען אין דיר אמונה אז אלץ וואס דוא האסט בעשאפען איז צו ליב דיין כבוד וועגען. אלע באשעפענים זיינען דיינע קנעכט, אהן דיין ווילען טארען זיא קיין זאך ניט טאהן, אז דוא גרויסער אלמעכטיגער גאט. האסט ניט געוואלט דאס דניאל דיין קנעכט זאל שטארבען דורך אלייב, אונ דער קעניג נבוכדנצר דאס זיהם אריין געווארפען אין אגרוב, וואו עס ליגען הונגעריגע לייבען, וואס לויט נאטירליך האבען זיא בעדארפט איהם גלייך צו רייסען אונ אויף עסען, אבער דוא ערהאבענער באשעפער האסט זיא ניט ערלויבט איהם אן צו ריהרען, אונ אז דער קעניג נבוכדנצר האט זיך דאריבער זייער שטארק געוואונדערט: האט איינער פון זיינע פירסטען געזאגט: וואס וואונדערסט דוא זיך, גרויסער קעניג. דאס איז ניט דניאל'ס זכות, נור אגאנץ נאטירליכע זאך, ווייל דער נאטור פון אלייב איז, ווען ער איז זאט טהוט ער קיינעם קיין שלעכטעס ניט, אונ וואהרשיינליך זיינען יעצט דיא לייבען זאט, דער פאר האבען זיא דניאלן גיט צו ריססען, ניט אויף געגעסען

— אויב אזוי — האט דער קעניג נבוכדנצר געזאגט — וועלען מיר באלד מאכען אפראבע, איך וויל זעהען אויב דוא זאגסט ריכטיג, אדער דוא זאגסט דאס ווייל דוא ווילסט אראפ נעהמען פון דניאל'ן זיין הייליגקייט, דער קעניג נבוכדנצר האט בעפוילען זיינע קנעכט: זייא זאלען דעם פירסט צריין ווארפען אין דיא זעלביגע לייבען גרוב וואו דניאל איז דארטען אריין געווארפען געווארען, דעם קעניגס קנעכט האבען אזויא געטאהן, זייא האבען גענומען דעם פירסט אונ האבען איהם אריין געווארפען אין לייבען גרוב, וויא דיא לייבען האבען איהם דער זעהען, ער האט נאך

גיט אויסגעפייעט אראפ צו פאלען ביז אונטען אין גרוב, האבען איהם די הונגעריגע ליבען צו ריסען, זייא האבען איהם פארפלונגען מיט די ביינער צוזאמען, די ליבען זיינען געווען זייער הונגעריג, ווייל איידער זייא, דעם קעניגס קנעכט, האבען דארט אריין געווארפען דניאל'ן, האבען זייא די ליבען קיין עסען ניט געגעבען, כדי זייא זאלען וואס שנעלער אויף עסען דעם דניאל'ן, אבער אז דוא גאט האסט ניט געוואלט דניאל'ן טויטען דורך אזא שרעקליכען טויט, האבען די ליבען געטאהן דיין ווילען, אלזא וואס האב איך מיך געהאט צו שרעקען פאר דעם ליב?

דער ליב האט שרעקליך געברילט, זיין שטימע האט מען געהערט אין גאנצען וואלד, יעדער געשרייא זיינער האט געקלונגען אין די אויערען ווי פון א שטארקען דונער, די חיות אין וואלד זיינען געווארען דער שראקען, זייא זיינען נטראפען הין און הער געזוכט זייא ארט וואו זיך צו בעהאלטען פון דעם קעניג פון וואלד, דאס הייסט פון ליב.

די שטימע איז געווען שטארקער און נעהענטער נאנץ נאהענט פון דעם רייזענדער, ער האט זיינע אויגען ניעפענט און געקוקט ווייט אין וואלד ווי ער לאזט זיך, ער האט דער זעהען פון ווייטען דעם ליב, אט ווי שטארק זיין הארץ איז געווען צו גלויבען אז גאט דאס ער וועט איהם רעטען פון ליב, דאך איז ער געווען זייער שטארק ערשראקען *)

אין

---

*) ווען אפילו א מלאך קומט אראפ אויף דער וועלט, קוים איז ער פאר קליידעט ווי א מענש. פילט ער אלס אקורראט ווי א מענש. — עסט און טרינקט און שרעקט זיך ווי א מענש. —
(ר״ש בן יוחאי) יהלו״ם.

## ז.

אין יענער צייט האבען צוויא יודישע חכמים געריטען אויף גוטע פייערע פערד אין יענעם וואלד, זייא האבען אויך גיהערט דעם געשרייא פון דעם לייב, זייען זייא געריטען זייער שנעל, זייא האבען זיך געהיילט צו אנטלויפען פון וואלד, אויך זייערע פערד האבען זיך שטארק דערשראקען, זיינען זייא גילאפען מיט אלע זייערע קרעפטען, דיא צוויא גילעהרטע זיינען גיקומען צו דעם ארט וואו דער פוסגייער איז גיוועזען, האבען זייא זיך מיט אלע מעגליכקייט אבגעשטעלט, דיא פערד זיינען געשפרונגען זייא האבען ניט געוואלט שטיין און ווארטען ביז דער לייב וועט קומען צו זייא, אבער דיא חכמים האבען געוואלט רעטען דעם פוסגייער פון געפאהר, האבען זייא איין געהאלטען דיא פערד און האבען צו איהם געזאגט: שלום עליכם! ליבער פריינד וויא אזוי גייט איהר איינער אליין צו פוס אין אזא גיפעהרליכען ארט.

— ווען גאט וויל — האט דער פוסגייער געענטפערט — זיינען אלע גיפעהרליכע וועגען געזיכערט, און פארקעהרט וואו גאט היל ניט שיטצען דעם מענשען, ווערען אלע זיכערע וועגען גיפעהרליך.

— וואס טויג אונז יעטצט פיל ריידען — האבען דיא גילעהרטע געזאגט — מיר שטייען אין גרויס געפאהר, יעדער אויגענבליק איז טייער בייא אונז, זעטצט אייך אויף אונזער פערד מיט אונז צו זאמען, וועלען מיר אנטלויפען פון וואלד איידער דער לייב וועט קומען צו אונז, נוא שנעל ווארט ניט און טהוט וויא מיר זאגען אייך, שטייגט ארויף וואס גיבער, לאמיר זיך רעטען פון טויט. דער לייב איז שוין ניט ווייט פון אונז, זיין שטימע הערט זיך גאר נאהענט.

— לאמיר זיך רעטען פון טויט — האט דער פוסגייער ווידערהוילט זייערע ווערטער — קאן זיך א מענש רעטען פון טויט?

(ר״ש בן יוחאי)

ווען איהם איז באשערט צו שטארבען העלפט קיין נאך ניט . גאט האט גענוג שלוחים, עס ניט קיין ארט וואו א מענש זאל קאנען אנטלויפען פון גאט , נור אויב איהר ווילט ניט אנדערש נור אנטלויפען , צו וואס זאל איך מיר זעטצען מיט אייך אויף דאס פערד, וועט דאך זיין פאר אייך שווערער דער אנטלויפען . דארום דאנק איך אייך פאר אייער גוטען ווילען , לויפט וויא שנעל איהר קאנט, איך וועל לויפען פאראויס אונ וועל אייך באשטעלען איין ארט וואו איהר זאלט קענען דארט שבת רוהען .

— וויא איז דאס מעגליך — האבען זייא ביי איהם געפרעגט — מיר ביישטייגן אויף פערד אונ דוא גייסט צוא פוס . וויא אזוי וועסט דוא לויפען פאראויס פאר אונז ?

— זארגט ניט פאר מיר — האט דער פוס גייער געזאגט . אנטלויפט פון דאנען מיר וועלען זיך אויף יענע זייט וואלד זעהען געזונטערהייט

ח.

דיא צווייא חכמים זיינען געלאפען פון יענעם ארט זייא האבען נאך געהאט צו לויפען צעהענדליגע ווארסט ביז ענדע וואלד זייא זיינען ארויס פון וואלד אונ זייא האבען געדאנקט גאט וואס ער האט זייא ארויס געפיהרט פון וואלד , זייא האבען גיזעהען דאס זייערע פערד זיינען שרעקליך פאר מאטערט פון לויפען אזוי שנעל זייא האבען קיינע קרעפטען ווייטער צו גיין איז ביי זייא געבליבען א פלאן זייא זאלען זיך אויף דעם פעלד אפרוהען

אַבּרוּהען. אַפּאר שטונדען צייט וועלען דיא פערד זיך פּאַסען אויף דעם גראז, דער וויל וועט קומען צו זייא דער פּוּסגייער, וועלען זייא אלע דרייא גיין אין גאהענסטען דארף שבת האלטען, ווען זייא וועלען ניט קאנען קומען אויף שבת אין דארף וועלען זייא מוזען בלייבען אויף דעם פעלד, זייא האבען דיא פערד געפענטעט, און אליין האבען זייא זיך געלייגט אויף דעם פעלד אבּרוהען. דען זייא זיינען געווען זייער מיד פון אזוי שנעל לויפען.

זייא האבען באלד שטארק איינגעשלאפען, דיא פערד זיינען געשטאנען ניט ווייט פון זייא, פּלוצלונג איז געקומען דער לייב פון וואלד, ער האט געכאפּט איין פערד, איבער געבּיסען דיא שטריק וואס ער איז געווען געפענטעט זיינע ביידע פיס, דער לייב האט זיך אויף איהם ארויף געזעצט ריטענדיג און איז מיט איהם געלאפען אין וואלד אויף דיא זעלבּיגע וועג וואו דער פוס-גייער איז דארטען געגאנגען. דאס פערד מיט דעם לייב זיינען צו געלאפען ביז דעם פוסגייער, איז דער לייב אראפּ געשפּרונגען פון פערד און איז אנטלאפען אין וואלד.

דער פוסגייער האט זיך געזעצט אויף דעם פערד און ער איז געקומען צו דיא צווייא געלעגערטע מענשען, ער האט זייא געפונען שלאפענדיג, האט ער זייא אויף געוועקט פון שלאף, זייא האבען פון קיין זאך ניט געוואוסט, זייא האבען זיך נור שטארק געוואונדערט וויא אזויא איז ער אזוי שנעל געקומען צו פוס אזא ווייטע וועג, זייא האבען איהם געפרעגט וויא ווייט האבען זייא נאך ביז אדארף, ער האט זייא געענטפערט: מעהר וויא צוואנציג ווארסט.

— אונזערע פערד זיינען יעטצט אויסגערוהט — האבען זייא געזאגט — ריטענדיג וועלען מיר קענען קומען דארט אויף שבת,
(ר״ש בן יוה״י)

אבער וואס וועט זיין מיט אייך? ניי'עגדיג צו פוס וועט איהר דאך ניט קענען אנציהען אהין אויף שבת, וועט איהר מוזען בלייבען שבת אויף דעם פעלד איינער אליין.

— זארגט ניט פאר מיר — האט ער זייא געענטפערט — איך וועל דארטען קומען נאך פריהער פאר אייך —

— וויא אזוי קאן דאס זיין? — האבען זייא געפרעגט.

— דאס וועט איהר באלד זעהען — האט ער זייא געענטפערט נור פארברייננט ניט פיל צייט עס איז שוין ניט פריה — זעטצט אייך אויף אייערע פערד און רייט וואס שנעלער.

## ט.

דיא צווייא געלעהרטע האבען זיך געזעטצט אויף זייערע פערד, זייא זיינען שנעל געלאפען, וואס דער בעסערער רייטער וועט שנעלער ניט קענען רייטען, און דער פוסגייער האט פון זיין מוגד ארויס גערעדט אשם, האט ער אנגעפאנגען לויפען נאך פיל שנעלער וויא זייא, ער איז געלאפען פאראויס ביז ער איז געקומען בייא אהייל, דארטען האט ער זיך אבגעשטעלט און געווארט אויף זייא ביז זייא זיינען געקומען צום הייל, ער האט צו זייא געזאגט: קומט רבנים אריין אין הייל, מיר וועלען דא האלטען שבת, ער איז געגאנגען פאראויס אין הייל, און זייא זיינען איהם נאכגעגאנגען.

דיא הייל איז געווען זייער גרויס, לאנג און ברייט, פון דיא

הייל זיינען זיא אריין געגאנגען אין אצווייטע הייל, פון צווייטע – אין אדריטע.

אין דיא דריטע הייל איז געווען געפלאנצט אגרויסער גארטען, מיט אלערלייא פרוכט-בוימער, דיא לופט איז דארטען געווען ריין, עס האט געריכט וויא אין איין גן עדן. זייא האבען געפיהלט דאס זייא זיינען געווארען גאר אנדערע מענשען, זייא זיינען דארטען געשטאנען אלאנגע צייט און האבען שטארק בעוואונדערט דעם געטליכען שיינעם גארטען. אזיסע שטימע האבען זייא געהערט פון מזרח זייט, אשטימע וויא פון מלאכים (ענגלען) וואס רופען איינער צום אנדערען און יעדער מלאך זאגט: הייליג, הייליג, הייליג! איז גאט דער הערשאפט, דיא גאנצע וועלט איז פאל מיט זיין עהרע, דיא אנגענהמע שטימע איז געווען פארמישט מיט פיל סאלאווייען שטימען, וואס זייערע שטימען האט מען געהערט פון דיא געדריכטע צווייגען.

דער פוסגייער האט געזעהען דארטען ניט וייט פון איהם ליגט דער לייב וואס האט איהם געבראכט דעם פערד ארויס [illegible] ווייטען פון וואלד, נור אנשטאט וואס אין וואלד זיינען זיינע אויגען געווען שרעקליך בייז האט ער דארטען אין הייל געקוקט זייער מילד אויף דיא נאייע געסט, ער האט אויף זייא קיין שרעק געמאכט, דער פוסגייער האט אים ערקאנט ער איז צו געגאנגען צו דעם לייב און ער האט איהם געגלעט דיא האאר, און דער לייב האט איהם מיט זיין צונג געלעקט. דיא צווייא געלעהרטע האבען דאס פון ווייטען געזעהען, האבען זייא זיך שטארק געוואונדערט. זייא האבען זיך געשראקען צו צוגיין נאהענט פון לייב, וויל דער מענש איז איין געוואהנט זיך צו שרעקען פאר אזא שטארקע טהיר.

(ר"ש בן יוחאי) ד"א

י

דיא צווייא גילעהרטע זיינען געגאנגען ווייטער. האבען זייא
גיזעהען אגרויסען פאלאץ פון ריינע גינגאלד, דער דאך איז פון
דיא טהייערסטע עדעל שטיינער, זייא לייכטען פון ווייטען וויא
דיא ליכטיגע זונן אין אקלארען זומער טאג, דיא טהירען זיינען
געמאכט פון טהייערע העלפאנד ביינער, דיא פענסטער פון
דימאנטען אונ בריליאנטען ארום דעם גרויסען פרעכטיגען פאלאץ
זיינען געפלאנצט פירזכט בוימער וואס ריכען פון ווייטען וויא דיא
טהייערסטע פארפומע. דיא טרעפ ארויף צ'א גיין אין פאלאץ
זיינען געמאכט פון טהייערע מארמאר-שטיינער. אויף דיא טרעפ
שטייען פון איין זייט צוועלף לייבען אונ פון דיא אנדערע זייט
טרעפ שטייען צוועלף גרויסע אדלערען, יעדער פון זייא האלט
אגרויסע שטיק פאפיר אנגעקלעפט בייא איהם אויף זיין קאפף
אונ אויף דאס פאפיר איז אנגעשריבען מיט גרויסע בוכשטאבען:
„שלמה המלך זאגט דאס אלץ איז נארעשקייט (הבל הבלים)“ זייא
דיא געלעהרטע, זיינען אריין געגאנגען אין פאלאץ, האבען
זייא גיזעהען עס שטייט אגרויסער רונדער טיש, פון עבטען זית
האלץ. ארום דעם טיש זיטצען זייער פיל תלמידים. אויבען אן
שטייט אגרויסער גאלדענער שטוהל אויף איהם זיטצט זייער רבי
עס איז גיוועזען אפארגעניגען אויף איהם צקוק צו געבין, זיין פנים
האט געשיינט וויא דיא ליכטיגע זונן, דיא תלמידים זיינען גיזעסען
מיט גרויס ארדענונג, זייא האבען געלערענט דיא רייד פון שלמה
המלך וואס ער זאגט דאס צלם איז הבל הבלים. זייא האבען
דאס ווידערהוילט אהן אצאהל, דיא ווערטער האבען זייא איבער
געחזרת נאך אמאל אונ נאך אמאל אהן איין ענדע.

(ר"ש בן יוחאי)  מ"ד

— מיר פארשטייען ניט — האבען דיא צווייא פרעמדע חכמים געזאגט צו דיא תלמידים — וואדום ווידערהוילט איהר גראדע דיא ווערטער וואס דער קעניג שלמה האט געזאגט אונ ניט גרעדט פון זיינע בייד. דאכט זיך דאס שלמה האט זייער פיל גערעדט אונ געשריבען נאך טהייערע אונ גרויס-ווערטיגע ווערטער אויסער דיא ווערטער „הבל הבלים".

— אויף אייער פראגע — האט דער מאן וואס איז גיזעסען אויף דעם גאלדענעם שטוהל געענטפערט. וועל איך אייך ווייזען אוואונדערליכע זאך. וועט איהר שוין אליין פארשטיין דעם ריכטיגען אנטווארט אונ איהר וועט דאס נאך אמאל ניט פרעגען

ער איז אויפגעשטאנען פון זיין שטוהל, אונ ער האט זייא דורך געפיהרט זעכס פרעכטיגע צימערען. אין יעדער צימער איז געווען אויף געשריבען: „הבל הבלים". זייא זיינען געקומען צו דעם זיבעטען צימער, איז בייא דער טהיר געשטאנען אגרויסער אדלער, אין זיין מויל האט ער געהאלטען איינגעביסען אגרויסען גאלדענעם קרוין, אונ אויף דעם קרוין איז געשטאנען אשיינע טויב. אויף איהר איז געשטאנען אנגעשריבען דיא ווערטער וועלכער מענש עם וועט ניט וויסען דיא געהיימנים פון שלמה המלך'ס ווערטער וואס ער האט געזאגט „הבל הבלים" דער דארף אין זיבעטען צימער ניט אריין טרעטען, אונ אויב איינער וועט ניט פאלגען אונ ער וועט אריין גיין אין צימער מוז ער באלד שטארבען.

שטארבען ווילט זיך ניט, וויא דיא צווייא חכמים האבען גיזעהען דעם אויפשריפט. זיינען זייא באלד געגאנגען צוריק, אונ דער פארנעהמער מאן האט צו זייא געזאגט: איך וואונדער מיך זייער אויף אייך, איך ווייס דאס איהר זייט גרויסע חכמים, איהר האט דיא תורה זייער פיל גילערענט אונ איהר האט געטאהן

ר"ש בן יוחאי)

זייער פיל מצות. ... קאן מען מיט רעכט רופען צדיקים, איהר האט ליב גאט מיט אייער גאנצען הארצען און גאט האט אייך ליב, ער רעכענט אייך פאר זיינע אמתע דינער, און אין דער זאכע זייט איהר דאך ניט קלוג, און ניט פראקטיש, איהר האט ניט גילערענט די טיפע געדאנקען, די גרויסע געהיימנים וואס ליגען בעהאלטען אין די רייד פון דעם גרעסטען וועלט חכם שלמה המלך וואס ער האט געזאגט דאס אלעס וואס עס איז פאראן אויף דער וועלט איז נור „הבל הבלים". איהר ווייסט ניט אז אין די צווייא ווערטער „הבל הבלים" איז פאראן איין שם (נאמען) ווען דער מענש וואס ווייסט איהם ווי ארויס צו ריידען קאן ער מיט איין שפרינג דורך לויפען פון איין עק וועלט ביז די צווייטע עק וועלט, אין דעם שם ליגט בעהאלטען אקראפט וואס ער איז צו מהייליט אויף זיבען עדליי אבטהלונג מיט די ערשטע קראפט קאן דער מענש מיט איין שפרונג קומען איין עק וועלט, מיט די צווייטע קראפט — קאן ער קומען איין עק וועלט אין צווייא שפרונג. מיט די דריטע קראפט — אין דרייא שפרונג. מיט די פערטע קראפט — אין פיר שפרונג, מיט די פינפטע קראפט — אין פינף שפרונג. מיט די זעכסטע קראפט — אין זעכס שפרונג, מיט די זיבעטע קראפט קאן ער קומען איין עק וועלט אין זיבען שפרונג

# יא.

די צווייא חכמים האבען דארשטען שבת געהאלטען מיט גרויס פערגעניגען, ... פאר נאכט זיינען זיא געגאנגען אין מקוה לכבוד שבת. דער פארנעהמער מאן האט זיך אנגעצונדען אין זיינע ... און ער האט ... שבת" גיזונגען מיט זייער ... קול, ... פייער ... ארויס געגאנגען פון זיין מוגד

בייא יעדען ווארט , אלע האבען געדאווענט ניט אויסווייניג .
יעדער האט געהאלטען איין סדור אין זיין האנד און האט אריין
געקוקט אין דאס היילגען בוך , אזא ווארעמער דאווענען פאסט
פאר מלאכים . — דיא גאנצע צייט האבען דיא צוויא חכמים
געטראכט אין זיך וואָרום דאווענען זייא ניט אויסווייניג וויא אלע
ערהליכע אידען , זייא האבען געטראכט , געקלערט , פיליייכט
וועלען זייא געפינען איין אנטווארט אויף זייער פראגע , אבער
אומזאנסט איז געווען זייער טראכטען , זייא האבען קיין ריכטיגען
אנטווארט ניט געפונען .

דער קבלת שבת האט געדויערט עטליכע שטונדען נאכען
דאווענ׳ן איז דער פארנעהמער מאן צו געגאנגען צו דיא צוויא
חכמים און האט צו זייא געזאגט : איהר וואונדערט אייך ווארום
מיר דאווענען ניט אויס ווייניג נור אין סדורים , מוז איך אייך
זאגען דאס דער קוקען אין סדור איז זייער גוט צום דאווענען .
דיא געדאנקען ווערען ריינער .

דיא צוויא חכמים האבען זיך בעשלאסען דאס פון יענעם
טאג אן זאלען זייא דאווענען ניט אויס ווייניג נור יעדען ווארט
קוקען אין סדור . אזוי וויא זייא האבען געזעהען איז הייל פון
יענע היילגע מענשען .

## יב.

נאכען דאווענען האט דער פארנעהמער מאן געמאכט קידוש
אויף גוטע ריכטיגע וויין , וויא ער האט געזאגט דיא ברכה ברוך
אתה ה׳ . האט מען געהערט א שטימע פון פיל טויזענדער מענשען
האבען געענטפערט ״ברוך הוא וברוך שמו — אמן ! דער לייב האט
געשריען מיט אלע זיינע קרעפטען , דיא אדלערען מיט דיא

(ר״ש בן יוחאי) פאלאווייען

סאלאוויען האבען צו געפייפט, אשטימע פון אלע באשעפענעס פון גארטען, זייא האבען צו געברומט, דיא בוימער האבען זיך געשאקעלט, דער ווינד האט געבלאזען דער טייך וואס האט דורכגעפליסט דעם גארטען, האט גערוישט, דיא פיש פון טייך האבען ארוים געשטעקט זייערע קעפעלאך פון וואססער אזויא וויא זייא וואלטען וועלען הערען דיא היילינע ברכה, דיא העגער האבען געקרייט. דיא אינדיקעס האבען זיך געבלאזען, דיא פערד האבען געהירזעט דיא הינט האבען געבילט מיט אמשונעהם קול.

דיא צווייא חכמים האבען זיך שטארק געוואונדערט צוא הערען אונ צו הערען דיא אלע זאכען, נאכדעמעהר האבען זייא זיך געוואונדערט וויא קומען הינד אין אזא היילינען ארט, נור זייא האבען געשוויגען. — נאכען עססען האט דער פארנעהמער מאן געזאגט צו דיא צווייא חכמים: איהר וואונדערט אייך וויא קומען אהער הינד, איך מוז אייך דעם אמת זאגען, אז מיר וואונדערט אויף אייך נאך מעהר וויא איהר וואונדערט אייך אויף אונז, ווייסט איהר דען ניט וואס עס שטייט געשריבען „ורחמיו על כל מעשיו״. דאס הייסט גאטטעס ערבארמונג איז אויף אלע זיינע בהאטען, אונ אויף וועלכע באשעפענעס איז נאך אזא מיטלייד וויא אויף אהונד?

## י״ג.

דער היילינער שבת איז אוועק געגאנגען זייער לוסטיג און פריילאך. דיא צווייא חכמים האבען שוין בעדארפט זיך געזעגנען מיט דעם אנגעהמען היילינען הייל, זייא האבען ניפרעגט דעם פארנעהמען מאן וואו איז דער דריטער וואס האט זייא דעם ארט אנגעוויזען, דער פארנעהמער מאן האט זייא געענטפערט איהם

(ר״ש בן יוחאי) גריזוז

וועט איהר געפינען צו ווישען די חברים פון רבי שמעון בן יוחאי, ער האט אייך אהער געבראכט און נאכדעם איז ער אוועק געגאנגען אהין צו זיין חבר רבי שמעון אויף שבת.

די צווייא חכמים האבען זיך געוואונדערט וויא אזויא דאס קאן זיין עס איז דאך שוין געוועזען פרייטאג נאך האלבען טאג און פון דאנען ביז רבי שמעון בן יוחאי איז א מהלך פון עטליכע טעג צייט, וויא אזוי האט ער געקאנט קומען אהין אויף שבת? דאס איז דאך אונמעגליך! — וואונדערט אייך ניט — האט דער פארנעהמער מאן געזאגט — ער ווייסט אלע סודות פון די ווערטער „הבל הבלים" ווייס ער דעם שם וואס ליגט אין די צווייא ווערטער פערהאלטען, ווען ער זאגט ארויס דעם שם קאן ער מיט איין שפרונג כומען אויף דעם ארט וואו ער וויל.

— מיט וואס זאלען מיר אייך דאנקען פאר דעם גרויסען פערגעניגענדען שבת וואס מיר האבען ביי אייך געהאט —

— האבען די צווייא חכמים געזאגט צו דעם פארנעהמען מאן — זאגט, פיליכט קאנען מיר אייך מהאן א געפעליגקייט.

— איך ברויך גאר ניט — האט דער פארנעהמער מאן געזאגט, נור אויב איהר פערלאנגט מיר צוא מהאן א גרויסען פערגעניגען זאלט איהר מיר פאלגען און גיין צוא רבי שמעון בן יוחאי לערנען ביי איהם די געהיימנים פון די ווערטער „הבל הבלים", און יעטצט גייט אייך פון דאנען געזונטערהייט איהר האט דא מעהר קיינע ערלויבענעס צו בלייבען.

ווען דער פארנעהמער מאן האט אויס גערעדט די ווערטער איז ער מיט דעם גאנצען הויז פערשוואונדען געווארען. די צווייא חכמים זיינען געבליבען שטיין צו מישט וויא זייא וואלטען אויפ-געוואכען פון א זיסען אנגענעהמען טרוים, זייא האבען זיך אנגעקוקט איינער אויף דעם אנדערען, און זייא האבען ניט געוואוסט וואס צוא רעדען.

די ערשטע ענטציקונג זייערע איז פאריבער, עס איז אוועק

געגאנגען אהיבשע צייט. נאכדעם האט איינער געזאגט צום צווייטען, דוא ווייסט, דאס מיר מוזען ביימען אהיים צו רבי שמעון בן יוחאי. — געוויס — האט דער צווייטער חבר געזאגט און מאגע באלד, זייא האבען זיך גיזעטצט אויף זייערע פערד און זייא זיינען געקומען צו מיר.

# יד.

וויא רבי שמעון האט געענדיגט צו ערצייהלען דיא מערקווירדיגע מעשה, האט ער געזאגט צו צווייא פון זיינע חברים: וואס שווייגט איהר? ווארום ערציילט איהר גאר ניט וואס מיט אייך האט פאסירט?.

— רבי! — האט איינער פון דיא צווייא חברים געזאגט. מיר ברויכען שוין גאר נישט צו ערציילען, ווייל איהר האט שוין אלעס ערציילט אקוראט וויא איהר וואלט אליין דערביי געוועזען און דארום זיינען מיר געקומען צו אייך איהר זאלט אונז ענטדעקען דיא סודות (געהיימנייסע) פון דיא ווערטער וואס שלמה המלך עליו השלום האט געזאגט דאס דיא גאנצע וועלט איז נישט מעהר וויא "הבל הבלים". — ווארום זייט איהר ביז יעטצט ניט גיקומען צו מיר לערנען דיא געהיימנים פון דיא ווערטער "הבל הבלים":

— האט רבי שמעון גיפרעגט — ווען איהר וואלט געוואוסט דיא סודות פון דיא צווייא היילינע ווערטער וואלט איהר דאך געהאט דאס פערגעניגען אביין צו קומען אין זיבעטען חדר וואס דער פארנעהמער מאן פון היל האט אייך ניט ערלויבט דארט אביין צו קומען.

— אויף אייער פראגע — האבען דיא צווייא חכמים גיענטפערט פאר וואס מיר זיינען ניט געקומען צו אייך ביז היינט לערנען דיא סודות פון דיא ווערטער "הבל הבלים", קאנען מיר אייך ענטפערען:

געגאנגען אהיבשע צייט. נאכדעם האט איינער געזאגט צום צווייטען, דוא ווייסט, דאס מיר מוזען רייטען אהיים צו רבי שמעון בן יוחאי. — געוויס — האט דער צווייטער חכם געזאגט און מארגע באלד, זייא האבען זיך געזעצט אויף זייערע פערד און זייא זיינען געקומען צו מיר.

---

## יד.

וויא רבי שמעון האט געענדיגט צו ערצייהלען דיא מערקווירדיגע מעשה, האט ער געזאגט צו צווייא פון זיינע חברים: וואס שווייגט איהר? ווארום ערצייהלט איהר גאר ניט וואס מיט אייך האט פאסירט?

— רבי! — האט איינער פון דיא צווייא חברים געזאגט. מיר ברויכען שוין גאר גישט צו ערצייהלען, וויל איהר האט שוין אלעס ערצייהלט אקוראט וויא איהר וואלט אליין דערבייא געוועזען און דארום זיינען מיר געקומען צו אייך איהר זאלט אונז ענטדעקען דיא סודות (געהיימניסע) פון דיא ווערטער וואס שלמה המלך עליו השלום האט געזאגט דאס דיא גאנצע וועלט איז נישט מעהר וויא „הבל הבלים". — ווארום זייט איהר ביז יעצט ניט גיקומען צו מיר לערנען דיא געהיימנים פון דיא ווערטער „הבל הבלים":

— האט רבי שמעון גיפרעגט — ווען איהר וואלט געוואוסט דיא סודות פון דיא צווייא הייליגע ווערטער וואלט איהר דאך געהאט דאס פערגעניגען אריין צו קומען אין זיבעטען חדר וואס דער פארנעהמער מאן פון הייל האט אייך ניט ערלויבט דארט אריין צו קומען.

— אויף אייער פראגע — האבען דיא צווייא חכמים גיענטפערט פאר וואס מיר זיינען ניט געקומען צו אייך ביז היינט לערנען דיא סודות פון דיא ווערטער „הבל הבלים", קאנען מיר אייך ענטפערען:

ווייל מיר האבען געהאט זייער פיל צו לערנען אהן דעם, אונ געמוזט אז מיר זיינען געקומען לערנען דיא סודות ווילען מיר אייך, רבי פרעגען פאר וואס האט מען אין הייל געמאכט גראדע אזא גרויסען פאראד פון דיא סודות פון הבל הבלים מעהר וויא פון אלע סודות פון דער תורה? דיא פראגע האבען מיר גיפרעגט דעם פאר'עהמען מאן אין הייל, אבער ער האט אונז דארויף אשוואכען אנטווארט גיגעבען. — וואַרט צוויילע — האט רבי שמעון בן יוחאי געזאגט — אט באלד וועט קומען צו מיר מיין איידעם רבי פנחס בן יאיר וועט ער אייך דארויף געבען זייער אריכטיגען אונ אויספיהרליגען אנטווארט

# טו.

וויא רבי שמעון בן יוחאי האט געענדיגט ריידען האבען אלע חברים גיזעהען וויא עס איז אין שטוב אריין א ליכטיגער זייל אונ אין זייל האט מען גיזעהען דעם געשטאלט פון רבי פנחס בן יאיר, וואס ער איז שוין לאנג געשטארבען, ער האט זיך גישטעלט בייא דער רעכטער האנד פון זיין שווער רבי שמעון בן-יוחאי אונ האט געזאגט: איך קום יעצט פון הימעל, דארטען האבען מיר גילערענט נייע סודות פון דיא צווייא ווערטער "הבל הבלים" וואס שלמה המלך עליו השלום האט געזאגט אין זיין טהייערען ספר קהלת, בין איך געקומען צוא אייך, איך וויל דאס אייך איבער געבען אונ ענטדעקען, נור צוא ערשט וועל איך אייך ערקלעהרען אריכטיגען אנטווארט אויף דיא פראגע וואס צווייא חכמים פון אייערע חברים האבען דא נים לאנג גיפרעגט פאר וואס מאכט מען אזא פאראד פון דיא סודות וואס ליגען בעהאלטען אין דיא צווייא ווערטער הבל הבלים מעהר וויא פון אנדערע וויכטיגע געגענשטענדע, דארויף וועל איך זייא אנטווארטען. דאס

דיא צווייא ווערטער הבל הבלים איז אין פלוג אָבערפלעכליך, זייא זיינען גרוידער נאָמעס בייד, וואס ער האט געזאָגט — נאָך דעם וויא ער האט דיא גאַנצע וועלט בעשאַפען — אונ אַלעס וואס ער האט געטאן איז זייער גוט, קומט נאָכדעם שלמה המלך עליו השלום אונ זאָגט דאס אַלעס איז הבל הבלים, קאן דאָך ניט זיין דאס שלמה זאָל זאָגען אַנדערש וויא גאָט האָט געזאָגט, דאַרום מוז מען זאָגען דאס אין דיא צווייא ווערטער ליגען בעהאַלטען גרויסע סודות, אונ דיא סודות ווערען צו טהיילט אויף זיבען-ערלייא אופנים (אַרטען) אונ דער וואס ווייס ריכטיג דעם סוד פון דיא צווייא ווערטער „הבל הבלים" קאן ער מיט איין שפּרונג דורך גיין דיא גאַנצע וועלט פון עק צו עק, דאס הייסט: ער וועט פאַרשטיין וויא צו לעבען אויף דער וועלט, ביייא איינעם איז דיא גאַנצע וועלט וויא איין שפּרונג. ער פרעגט קיינע ... פראַגען ... אַלעס געפעלט איהם, וויא גאָט טהוט אַזוי איז גוט. דיא אַנאַנדערע וואס ער פאַרשטייט עטוואס ווייניגער דיא וועלט, גייט ער דורך מיט צווייא שפּרונג, דאס הייסט: ער האט אַפּילו אַ מאָל קשיות צו פרעגען, ער גייט שוין דיא וועלט דורך נור מיט פראַגען ... דער וואס האט נאָך מעהר פראַגען אויף דער וועלט, דער מוז וויסען דרייא סודות פון דיא ווערטער הבל הבלים ביז זיבען פראַגען, דער פאַר איז אין הייל' ריכטיג אויף געשריבען ווער עס ווייס ניט קלאָהר אונ דייטליך דיא אַלע סודות טאָר אין לעמצטען חדר ניט אַריין קומען, ווייל ער וועט פרעגען וויכטיגע קשיות, ווען ער וועט אָבער וויסען דיא סודות וואס זיינען פאַראַן אין דיא ווערטער הבל הבלים, וועט ער קיין קשיא פרעגען, אַזעלכע מענשען וואס וועלען גאַר ניט פרעגען זייא לאָזט מען אַריין אין זיבעטען חדר. פאַר זייא איז אַלם פרייא אונ אָפען, זייא מעגען מיט איין שפּרונג קומען פון איין עק וועלט ביז דיא אַנדערע עק וועלט, וועלען זייא קיין פראַגע מאַכען, זייא וועלען וויסען דאס אַלעס וואס דער ליבער גאָט האט בעשאַפען איז גוט

(ר״ש בן יוחאי)

אונ שיין וויכטיג אונ ריכטיג, גיטצליך פאר דעם מענשען, גיטצלי[ך]
פאר אלע באשאפענעש, אונ שיין פאר גאט אונ דער מענש דארף
נור פאלגען וואס גאט האט געבאטען, מאן וויא ער האט געשריבען
אין זיין הייליגע תורה לערנען דיא סודות וואס ליגען בעהאלטען
אין דער תורה, דאס הייסט: דיא זאכען וואס דער מענש מיט
זיין קליינעם פערשטאנד קאן דאס בשום אופן ניט בעגרייפען.
דארף ער גלויבען דאס גאט האט געוויס בעסער פאר איהם
געוואוסט, דארום דארף דער מענש פיל לערנען צוא פארשטיין
גאטעס רייד, דאן וועט ער קענען פארשטיין דיא גאנצע וועלט,
ער וועט בעגרייפען פון עק וועלט ביז עק וועלט דאס אלעס וואס געפינט
זיך אויף דער וועלט איז גוט.

## טז.

דיא אלע חברים האבען גיהערט זיינע רייד מיט אפענע
אויערען, זייא האבען זיך געוואונדערט אויף זיין ערקלעהרונג,
אונ רבי פנחס בן יאיר האט זייא ענטדעקט אזעלכע סודות התורה
וואס אלע חברים זייגען שטארק ענטציקט געווארען זייא האבען
געזאגט: ווען מיר וואלטען געקומען אויף דער וועלט נור צו ליב
הערען דיא סודות וואלט פאר אונז אויך גענוג געוועזן.
זייא האבען געוואלט קושען דעם רבי פנחס בן יאיר
אבער ער איז פלוצלונג אוועק געפלויגען פון זייא אין
הימעל אריין.

(ר"ש בן יוחאי)

זעהעט

— וועהעט איהר מיינע ליבע חברים — האט רבי שמעון בן יוחאי געזאגט — מיין איידעם האט ניט געוואלט אננעהמען אייער קוש, ניט ווייל ער שטאלצירט געגען אייך, חלילה. ער האט לעבעדיגערהייט אויך קיין מאל ניט געברויכט גאוה. בפרט יעטצט נאכ׳ן טויט, ער איז אויף דיא אמתע וועלט וואס דארטען ווייס קיינער ניט וואס גאוה איז, דארט קאן טרעפען דאס דיא קליינע מענשעלעך שטייען אויף אהעכערען ארט וויא דיא מענשען וואס אונז דוכט זיך זייא זיינען גרויסע לייט, נור מיין איידעם איז אוועק געפלויגען פון אונז, ווייל דיא תורה דארף יעדער לערנען מיט דעם אנדערען אומזאנסט אזוי וויא גאט האט דיא תורה גיגעבען צו משה רבינו אומזאנסט, אזוי האט משה רבינו גילערינט דיא תורה מיט דיא יודען אומזאנסט, אונ דער גרעסטער וועלט חכם שלמה המלך זאגט: ווער עס האט פיינד צוא נעהמען אומזאנסטע געשיינקע דער וועט לעבען. אונ דאס ווייסען אלע אז אמתנה איז ניט דווקא געלד אדער אזאך וואס עס איז ווערט געלד, אגוט ווארט איז אמאל דיא גרעסטע מתנה, צום ביישפיל ווען איין קעניג זאל איינעם דאנקען פאר אוואהלטהאט, נישט מעהר וויא מיט אגוט ווארט, איז דאס פיל טייערער וויא גאלד, דימאנטען אונ בריליאנטען, פאר דעם קעניגס אדאנק קאן דער גרעסטער מיליאנער ניט באצאהלען מיט זיין גאנצען פארמעגען, אונ אזוי וויא אייער דאנק אונ קוש רעכענען מיין איידעם אז דאס איז איין אומזאנסטע געשיינק, דער פאר האט ער ניט געוועלט הערען אונ ניט אננעהמען אייער קוש, איז ער בעסער אוועק געפלויגען פון אונז נור איהר קאנט זיכער זיין דאס קירצליך וועט ער הערען אין הימעל נאייע סודות, וועט ער געווים קומען אונז זאגען, אונ אלעם אומזאנסט.

(ר״ש בן יוחאי)

## ז.

רבי שמעון בן יוחאי האט אמאל געזאגט צו זיינע חברים איהר זאלט וויסען דאס יעטצט איז פארבאן בייא אונז נאט מיט אלע זיינע הייליגע מלאכים, ער וויל הערען פון אונזער מונד די סודות התורה וואס מיר אפפענבארען, וואייל אונז נוט איז פאר די וועלט דאס אין איהר ווערען ענטדעקט אזעלכע טייערע הייליגע סודות, זייער שטארק גליקליך זיינען אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט ווען נאט בעוויזט זיך אויף דער וועלט; אפילו [?]ען ניט מעהר וויא צו איין צדיק, דאס גליק פון די געטליכע ערשיינונג געניסען אלע מענשען קערפערליך אונ גייסטליך.

— רבי! — האט איינער פון דיא תלמידי חכמים געפרעגט — ווארום זאגט איהר דאס אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט זיינען גליקליך, וואס פאר מחותנים זיינען דען מיט דיא הידען וואס לייקענען אן גאטט, זייא זיינען געטצענדינער וואס זייא גלויבען ניט אונ האבען קיין בעגריף אין זייא גרויסקייט פון דעם הייליגען העלט באשעפער, זייא דינען צו משלאנג, צום פייער, אשטיין אין אויך בייא זייא אגאט, זייא האלטען פאר הייליג דיא אונגעבילדעטע זאכען וואס מיר טארען זייא אפילו ניט אנריהרען. ווארום זאלען אזעלכע נידערטרעכטיגע מענשען געניסען פון דעם גליק?.

זייא זיינען דאך ערגער וויא דיא חיות אין וואלד, א טיגער פרעסט ניט דעם צווייטען טיגער אונ זייא, ווען עס פאלט איין אנייטער מענש אין זייערע הענד, בראטען זייא איהם אויף דעם פייער

(ר״ש בן יוחאי)

פאַר לעבעדיגערהייט און פרעסען איהם אויף, אין וויא מיר זיין ? דאַכט זיך אַז עלכע מענשען באַרפען ליידען גרויסע יסורים אַגרויסע פראַגע פאַר וואס פאַרדינען זייא פון גאט גליקליך צוא און צרות

— אויף דיא פראַגע — האַט רבי שמעון געענטפערט — וועל איך אייך זאָגען אַיין משל: ווען עס טרעפט דאָס אַ בייכער מאַן קומט צו בעזוכען זיינעם אַ פריינד וואס ער איז ניט אַזא רייכער מענש, און דער ניט רייכער מאַן האָט געפונען חן אין דיא אויגען פון רייכען מאַנט, און דער רייכער נאָט ניט דעם קרוב גרויסע מתנות, דעמאָלט פאַרגעסט ער גיט אָן דיא קענען • ער ניט איהר אויך איין געשיינק, געוויינליך ניט אַזא גרויסען געשיינק וויא דעם קרוב, אַזוי איז מיט דיא היידען • ווען גאָט קומט צום צדיק און צו ליב זיין זכות ניט ער נוטען אויף דער וועלט, געניסען דיא געטצענדינער דער פון אויך אַביסעל נוטען•

עס איז זייער שווער, כמעט אונגלויבליך דאס אין אונזערע צייטען זאל געבאָרען ווערען אַזא גרויסער מאַן וויא רבי שמעון בן יוחאי איז געווען • זיין גרויסקייט זיין היילינקייט איז אונמעגליך בעשרייבען אַקורואט ריכטיג, און וויפיל מיר האָבען דא בעשריבען איז דאס וויא איינער שעפט אָן אַטראָפען וואַסער אין גרויסען מעער:

זיין זכות זאל אונז בייא שטיין אַז מיר זאָלען דער לעבען צוא זעהען משיח צדקנו במהרה בימינו, דאַן האָפען מיר דאס ער וועט אונז מגלה זיין גרויסע סודות אין דער תורה• וואס דאס איז פאַר דעם אַמתען אידען דיא בעסטע סחורה, און יעדער פרומער איד גלויבט דאס דיא תורה איז לאַנג און בּרייט הויך און

״ש בן יוחאי)

און טיף, לענגער ווי די גאנצע וועלט, ברייטער ווי דער
ים, העכער ווי דער הימעל און טיפער ווי דער תהום. מיר
גלויבען אז ווי פיל רבי שמעון בן יוחאי מיט אלע זיינע חברים
ביז היינטיגען טאג האבען מגלה געווען פיל סודות אין דער תורה,
איז נאך ניט ענטדעקט אלעס, עס זיינען נאך פאראנען מיליאנען
סודות וואס קיין תנא קיין גאון קיין צדיק האט זייא ביז היינט
ענטדעקט, און ווען באמת וועלען אלע סודות ענטדעקט ווערען
וועט אויפשיינען א נאייע ליכט אויף דער וועלט, א גלענצענדיגער
וואס צו אונזער בעדויערען זיינען נאך פאראן פיל אויף דער וועלט,
וועלין צו דערקאנען דעם גרויסען איינציגען גאט ברוך הוא.
זייא וועלען עפענען זייערע אויגען און זייא וועלען זעהען דאס
גאט האט בעשאפען הימעל און ערד און אלעס וואס דארין
איז. דאן וועלען זייא שרייען מיט אלע זייערע קרעפטען הללויה!

# ענד.

(ר"ש בן יוחאי)